**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט רעקארד סאבוועי רייזענדע ווען MTA שטייגט איבער דריי ביליאן דריקן אויף קאנטאקט פרייע באצאלונג סיסטעם

***אפער איסט סיידער ווערט דריי ביליאנסטע דריק אריין אין טראנזיט סיסטעם ביי th–50th 47 Streets–Rockefeller Center BDFM סטאנציע***

***סאבוועי סיסטעם עררייכט נייע נאך-פאנאדעמיע רעקארד רייזענדע, פירענדיג מער ווי 4.5 מיליאן קאסטומער***

***87 פראצענט פון סאבוועי און באס רייזעס גענומען מיט דרוק און פאר טעכנעלאגיע***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמלאדן אז די ניו יארק סיטי טראנזיט סאבוועי האט איבערגעשטיגן 4.5 מיליאן רייזענדע פאר צוויי טעג נאכאנאנד די וואך ,אפצייכענדיג א נאך-פאנאדעמיע רייזענדע רעקארד. די גאווערנער האט אויך אינטערגעשטראכן אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האט דערגרייכט 3 ביליאן דרוקן אויף איר קאנטאקט פרייע פרייז באצאלונג סיסטעם.

"מיט סיגניפישע פארשריט אין זיכערהייט און פאר אנטווארטליכקייט די יאר, עס איז נישט קיין איבעראשונג אז אונז ברעכן נאך א רייזענדע רעקארד אויף די סאבוועי," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "און צוצוענדיגען, די פארמערטע באקוועמליכקייט רייזענדע האבן יעצט צו דריקן און גיין טוט עכט צוריקצאלן. דערגרייכענדיג גרויסע מיילשטיינער פאר דרוק און גיי און טעגליכע רייזענדע אין די זעלבע וואך איז די לעצטע באווייז אז די אינוועסטירונגען ניו יארק האט געמאכט אין מאסן טראנזיט טוהן העלפן די לעבענבלוט פון ניו יארק סיטי בליען."

אויף מיטוואך, אקטאבער 22, 4.42 מיליאן קאסטומער זענען געפארן מיט די סאבוועי און אויף דאנערשטאג, אקטאבער 23, די צאל איז געווען 4.55 מיליאן רייזענדע. די פריערדיגע רעקארד איז געשטעלט געווארן דורכאויס די האלידי איינקויף סעזאן אויף דעצעמבער 12, 2024, וועלכע האט געזעהן 4.53 מיליאן סאבוועי רייזענדע. דעס קומט ווען די NTA האט דערגרייכט 3 ביליאן דריקן אויף איר קאנטאקט פרייע פרייז באצאלונג סיסטעם. די דריי ביליאנסטער דרוקער איז אידענטיפיצירט געווארן אלץ Russell Levy (ראסעל לעווי) פון די אפער איסט סייד וועלכע האט געדריקט אין די סאבוועי סיסטעם ביי די th–50th Streets–Rockefeller Center BDFM47 סטאנציע קורץ נאך 12:00 נ.מ. די מיילשטיין פאלגט נאך די אטאריטעט'ס לעצטיגע פארענדיגונג פון אינסטאלירן OMNY 980 קארטל ווענדיג מאשינען איבער אלע 472 סאבוועי סטאנציעס אין סעפטעמבער, ווען עס גרייט זיך צו ארויסנעמען די מעטראקארטל פון דינסט. 87 פראצענט פון סאבוועי און באס רייזעס ווערן באצאלט מיט די דרוק און פאר טעכנעלאגיע.

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (דשענאו ליבער) האט געזאגט,** "דריי ביליאן דרוקן איז אן אומלייקענבארער באווייז אז ניו יארקער זענען גרייט פאר א נייע צייט פון פרייז באצאלונג. דרוק און פאר, ווי די מעטראקארטל האט געטוהן 30 יאר צוריק, עפענט די טיר צו נייע דיסקאונטס און פראמאושענס וועלכע וועט פארשטערקערן טראנזיט צוגענגליכקייט - קיין שענלע רעכענונג פארלאנגט."

**NYC טראנזיט פרעזידענט Demetrius Crichlow (דעמעטריוס קריטשלאו) האט געזאגט,** "אלץ די שנעלסטע, גרינגסטע און מערסט באקוועמע וועג צו באצאלן אייער טיקעט, דרוק-און-באצאל איז געווען א שפיל טוישער פאר טראנזיט רייזענדע וועלכע האבן עס יעצט אויסגעוועלט אלץ זייער וועג פון באצאלן דריי ביליאן מאל. און ווען עס איז ביטער-זיס פאר טייל ניו יארקער צו זיך געזעגענען פון די מעטראקארטל, אונז טוהן שטארק מוטיגן רייזענדע צו טוישן צו די באצאלונג סיסטעם פון די צוקונפט יעצט צו פארזיכערן א גרינגע אריבערגאנג."

**MTA טשיעף באאמטע Shanifah Rieara (שאניפע ריערא) האט געזאגט,** "באלד 90 פראצענט פון רייזענדע האבן געמאכט די טויש און אונז פארשטערקערן באמיהונגען צו דערגרייכן די לעצטע 10 פראצענט. דעס רעכנט אריין עפענען מער קאסטומער סערוויס צענטערן ביז די ענדע פון די יאר צו צושטעלן פאר רייזענדע מער פערזענליכע געלעגנהייטן אין זייער געגענטער צו פרעגן פראגעס און אדרעסירן סיי וועלכע פראבלעמען און מאכן די אלגעמיינע אריבערגאנג אזוי גרינג ווי מעגליך."

**דריי ביליאנסטע דרוק און פאר קאסטומער Russell Levy (ראסעל לעווי) האט געזאגט,** "דעס איז זיכער געווען ניי פאר מיין טאג - איך האב דעס נישט ערווארטעט. אונז נוצן די סאבוועי יעדן טאג, אונז נוצן עס אפאר מאל און האבן ליב צו נוצן דרוקן און נוצן OMNY."

אין מערץ, האט די אויטאריטעט געמאלדן אז די לעצטע טאג פון מעטראקארטל סעילס וועט זיין דעצעמבער 31, 2025, מיט די אקצעפטירונג פון מעטראקארטל זיך ענדיגען אין מיטל-2026. ווען די אויטאריטעט רוקט זיך פאראויס צו גענצליך אריבערגיין, עס טוט פארזעצן צו וואקסן איר ברייטע OMNY ריטעיל נעטווארק יעצט ביי 2,700 לאקאציעס - מער פון טאפלט די מעטראקארטל מיטארבעטענדיגע לאקאציעס. טראץ דעם וואס די דדרוק און פאר באצאלונג סיסטעם פארלאנגט נישט קיין OMNY קארט און ערלויב רייזענדע צו באמאלן קאסטן דירעקט מיט דיגיטאלע בערזעלעך און קאנטאקט פרייע באנק קארטלעך, קאסטאמער וועלן עס טרעפן צוויי מאל אזוי גרינג צו קויפן אדער ווידער אנפילן אן OMNY קארטל.

קאסטומער מיט פראגעס איבער די דרוק און פאר באצאלונג סיסטעם קענען רופן 511 אדער די OMNY רוף מענטער אויף 877-789-6669, שמועסן מיט א לעבעדיגע אגענט אין די MTA עפפ, אדער באזוכן סיי וועלכע פון די 16 24/7 אפענע קאסטאמער סערוויס צענטערן (CSC's) וועלכע וועט זיך פארברייטערן צו 14 מער לאקאציעס ביז די ענדע פון יאר ווי געמאלדן פאריגע וואך.

דורך עלימינירן די פארקויפונג פון מעטראקארטל און גענצליך אריבערגיין צו איין פרייז אפנעמונג מעטאג, די MTA ערווארט צו שפארן כאטש 20 מיליאן דאלאר יערליך אין קאסטן פארבינדען צו מעטראקארטל פראדוקציע און אפרטיילונג; ווענדינג מאשין פארעכטונגען און קעש אפנעמען און באהאנדלונג. אריבער גיין צו א קאנטאקט פרייע באצולונג טוט אויך אויפעפענען פאטענציאל פאר נייע קאסטומער-פריינטליכע פראמאושענס און פרייז דיסקאונטס.

**קאנטאקט פריי סיסטעם פארגרינגערט באנוץ פון די טראנזיט סיסטעם**

די דרוק און אפר טעכנעלאגיע האט פארגרינגערט דאס באנוץ פון די NYC טראנזיט סיסטעם דורך די פעיר-קעפינג באשטיינדל וועלכע האט אוועקגענומען די שאצונג ארבעט אויף איינקויפן די מערסטע קאסט-עפיציענט פעיר בילעט. נישט ווי מעטראקארטל, קאסטומער דארפן נישט באצאלן פון פאראויס צו

באקומען אומבאגרעניצטע רייזעס אדער פארלירן דאס וואס זיי נוצן נישט. די פעיר-קעפינג באשטיינדל, עוועליבל צו קאסטומער וועלכע נוצן א דיגיטאלע בערזל, א קאנטאקט פרייע דעביט/קרעדיט קארטל אדער אן OMNY קארטל, מאכט טראנזיט מער צוגענגליך דורך אוטאמאטיש צושטעלן אומזיסטע רייזעס און איבערלאזענדיג געלט אין קאסטומער'ס קעשענעס.

פאריגע מאנאט האט די MTA בארד באשטעטיגט א סערי פון פעיר און בילעט פאליסי טוישונגען, וועלכע האבן אריינגערעכנט פארברייטערן זיבן-טאג פעיר קעפינג צו עקספרעס באסעס אנגעהויבן קומעדיגע יאר. עקספרעס באס קאסטומער וועלן באצאלן נישט מער ווי $67 א וואך פאר אומבאגרעניצטע עקספרעס באס, לאקאלע באס און סאבוועי רייזעס אין סייוועלכע 7-טאג אפשניט. נאכן ווערן אריינגעברענגט אלץ א פיילאט פראגראם אין 2022, OMNY זיבן-טאג פעיר-קעפינג וועט אויך ווערן פערמענאנט. די 7-טאג ראולינג פעיר קעפ, וועלכע ערלויבט פאר קאסטומער צו באצאלן פאר 12 רייזעס אין א 7-טאג צייט אפשניט און אוטאמאטישע רייזן פאר אומזיסט פאר די קומעדיגע וואך אן דארפן באצאלן פון פאראויס.

אויך אריינגערעכנט אין פאריגע מאנאט'ס מעלדונג איז געווען נייעס אז OMNY טשארדש און רייזע היסטאריע זענען יעצט פארהאנען אויף OMNY.info א לעצטנס צוגעלייגטע פיטשער אין אנטווארט צו קאסטומער פידבעק דורכאויס די פובליק קאמענטאר צייט אפשניט פאר די פעיר טוישונגען. קאסטומער קענען יעצט נאכגיין זייער רייזעס און פארבינדענע טשארדשעס אויף OMNY.info, צוזאמען מיט זייער פארשריט צו זייער אומבאגרעניצטע רייזעס. ביז מיטל-2026, וועט די MTA עפפ אריינרעכענען אלע זעלבסט-סערוויס געצייג פארהאנען אויף OMNY.info.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן